# אונדזער לעזערין
# אָדער שמ״ר האָט געוואונען

אַז עס איז אַמאָל נישט גוט אויפן האַרצן, געפין איך דערלייכטערונג אין נחמת־הכלל, און כדי צו מאַכן וואָס מער גרויסאַרטיק דעם דאָזיקן כלל, צו וועלכן איך האָב דעם כבוד צו געהערן, באַמי איך זיך אים אַרומצושפילעווען, אַרומבריליאַנטעווען מיט אַלערליי ראַיעלע און אויסגעטראַכטע מעלות. איך ווער פשוט שאָוויניסטיש (שאָוויניזם איז מסתם שטענדיק אַ מין טרייסט־זוכעניש, ווען אומעטיקע מחשבות באַפאַלן...).

און אַזוי זאָג איך: קיין ליטעראַטור איז נישט אַזוי וואונדערבאַר, ווי די יידישע; קיין ליטעראַטור איז נישט אַזוי גרויס, נישט אַזוי שיין, ווי די יידישע; קיין ליטעראַטור איז נישט — און אַזוי ווייטער, און אַזוי ווייטער, און אַזוי ווייטער, ווי די יידישע.

און נישט גלאָט אַזוי זאָג איך עס. פונקט ווי נישט סתם אין דער וועלט האָט געטע געשריבן אין איינעם פון זיינע בריוו: „אַך, ווי אמת איז עס דאָך, אַז קיין זאַך איז נישט אַזוי וואונדערבאַר, ווי דאָס נאַטירלעכע; קיין זאַך איז נישט אַזוי גרויס, נישט אַזוי שיין, ווי דאָס נאַטירלעכע; קיין זאַך — און אַזוי ווייטער, און אַזוי ווייטער, ווי דאָס נאַטירלעכע״.

און וועלכע ליטעראַטור איז נאַטירלעכער ווי די יידישע? אַ ליטעראַטור, וואָס איז געבוירן געוואָרן — פון אַ פרוי. ווען נישט די

פרוי, וואָלטן מיר דאָך קיין יידיש ביכל נישט געהאַט. צוליב איר זיינען געשריבן געוואָרן די ערשטע מוסר־ספרים אויף יידיש, די תחינות, די קאָמפּילאַציעס פון אַנדערשפּראַכיקע דערציילונגען. צו־ליב איר.

איז דאָס טאַקע אַ טרייסט. טראַכט מען דאָך אַמאָל, אַז דערפאַר איז אַ ייד — זאָל זיין אפילו נאָר אויסערלעך — שטרענג, האַרט, קפּדניש, דערפאַר פעלט אים ווייכקייט, צאַרטקייט, ווייל עס איז נישטאָ קיין קולט פאַר דער דאַמע. אַנדערע פעלקער האָבן אפילו זייער גאָט געגעבן אַ מוטער. יידן — האָבן בלויז אַ טאַטן...

איז טאַקע גאַנץ גוט, וואָס ווייניקסטנס אונדזערע ביכער האָבן מאַמעס. און מיש איך אַמאָל יידישע בלעטער, זע איך שטיין לעבן מיר די אַלע פרומע, שטילע, גוטע פרויען. עס ווייעט אויף מיר אַזויפיל מילדקייט און ליבלעכקייט. איך בין ווי אַ קינד געפּיעסטשעט פון אַ צערטלעכער מוטער. און געגלעט ווער איך, — און איינגעזונגען — און פאַרוויגט. איך שלאָף איין — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — —

פון וואָס אַ מענטש טראַכט וואַכעדיק, דאָס זעט ער אין שלאָף. איז אָבער דער בעל־החלומות פלינקער, באַפליגלטער. שפּרייזט־דורך ווייטקייטן אין געציילטע סעקונדן. זע איך שוין נישט די ערשטע, די תחינה־זאָגערין, די נחלת־צבי־לעזערין, נאָר יענע מיט הונדערטער יאָרן שפּעטער. — — — מען רוימט די שטוב און מען פאַנטאַזירט, מען זיצט אויף די פּריזבעס און מען פאַנטאַזירט, מען מאַכט דעם טשאָלנט און מען פאַנטאַזירט. מען פאָרט זיך „זען" מיט אַ חתן און מען פאַנ־טאַזירט. אַמאָל כאַפּט מען אַ פאַטש פון דעם טאַטן, אָדער אַ סטוסאַק פון דער מאַמען: „אַ מויד זאָל נאָר אַרומגיין פאַרחושט!! עס אַרט איר עפּעס? דאָס פייער אויפן קוימען געלאָזט אָפּגיין. די קאַרטאָפלעס זיינען קאַלט. די קלענערע קינדער לויפן אַרום צווישן די פורן אויף דער גאַס". אַז אַ מענטש האַלט אין איין מוחן, טאָמער ווייסטו וואָס?

האָט מען צוגענומען די קלעפּ, אויסגעהערט די געשרייען און ווייטער — פאַנטאַזירט וועגן פרינצן און פרינצעסינס, פירשטן און

גראַפן, הויכע טורעמס און שלעסער, און באַטריגער, פאַרברעכער, פאַר־פירער, וועלכע האָבן אָבער נאָך נישט די גאַנצע ממשלה, ווייל אומע־טום געפינען זיך אויך באַשיצער און „ענגעל". — בין איך נאָכגע־גאַנגען נאָך די אַלע. כ'האָב געקליבן נחת אויף יעדער גאַס, אין יעדן הויף, אין יעדער שטוב. פון אַלע טישן, פון אַלע שופלאָדן האָט אַרויסגעבלאַנקט: —

שמ"ר.

און פלוצלונג — וואָס אַ חלום איז! — אַלץ פאַרדעקט, פאַר־שאָטנט, פוסט, וויסט, בערגיקע געגענטן, דורכגעשטייניקטע פעלדער. און עס לאָזט זיך אַראָפּ אַ וואָלקן, כאַפּט מיך אָן פאַר די האָר, שלעפּט מיך ערגעץ, פירט מיך ערגעץ. און אַז דער וואָלקן פאַרשווינדט, און העלער ווערט — שטיי איך אינמיטן אַ טומלדיקער גאַס. האָר־מידער, געפילדער. אַלע רוישן, אַלע ליאַרעמען און אַלע פרייען זיך: עס וועט זיין, דער פּראָצעס וועט זיין, דער סענסאַציאָנעלער פּראָצעס, דער העכסט־אינטערעסאַנטער פּראָצעס: — „שמ"רס משפט".

איז מיר אַ גרויסער חידוש. שמ"רן באַשולדיקן — פאַרוואָס? היתכן? — נאָר ווי האָט געפלעגט זאָגן מיין באָבע: מען זאָל אָפּ־געהיט ווערן פאַר דריי זאַכן: פאַר וואַסער, פאַר פייער און פאַר אַ בלבול. נאָר שטאַרק צום האַרצן נעם איך זיך נישט. מ'איז דאָך עפּעס צווישן ייִדן. קיין אומשולדיקן וועלן מיר נישט לאָזן פאַלן. יש דין בישראל. איך בין זיכער, ער וועט אַרויס ריין. — וואָס ווייטער איז געווען, געדענק איך שוין נישט. — עס איז דאָך אַ חלום — עפּעס רעדער האָבן מיר גענומען לויפן פאַר די אויגן. בלאָע, רויטע, ווייסע, געלע. און אויף די רעדער האָבן זיך מענטשן מיטגעדרייט און עפּעס אויסגעשריען. און אַלע זייערע אויסרופן האָבן זיך צונויפגעגאָסן אין איין איינציקן, וועלכער איז מיר געבליבן אין זכרון: „פ אַ ר־ש פּ י ל ט".

דאָס האָב איך שוין נישט געקענט אַריבערטראָגן. איך האָב געמאַכט געוואַלדן, געקלאַפּט מיט די הענט אין וואַנט. און — כ'האָב מיך אויפגעכאַפּט. נו, גאָט צו דאַנקען, וואָס בלויז אַ חלום. כ'האָב

אָבער שוין לאַנג געוואוסט, אַז מען טאָר נישט האַלטן די הענט אויפן האַרץ בשעת מען שלאָפט... איך האָב אויסגעשפּיגן דריי מאָל און געזאָגט דעם פּסוק: גאָט איז אַ האַר, דער חלום איז אַ נאַר... — לײדער האָט זיך עס אַרויסגעוויזן פאַר אַן אמת. לאַנג איז עס מיר געווען אומבאַגרייפלעך. ס׳טייטש? איז דאָס שוין אַמאָל געהערט געוואָרן אין דער וועלט, אַז איינער זאָל פאַרלירן אַ מלחמה, ווען אַלע פרויען אין שונאס לאַגער זיינען אויף זיין צד? ווי איז דאָס מעגלעך געווען, אַז שמ״ר זאָל פאַרשפּילן, ווען די לעזערין איז געווען זיינע? —

יאָרן זיינען אַוועק. ליג איך אַזוי איינמאָל ביינאַכט אַרומגענומען מיט אַ גאַנצן פּאַק ציַיטונגען. די פּאָליטיק און לאָקאַל־כראָניק האָב איך שוין דורכגעזען בייטאָג. איצט לייען איך די „ליטעראַטור״ אונטערן שטריך. שרעקלעכע געשיכטעס. שווידערלעכע מעשיות. מען הערט גאָרנישט אויף צו ליבן. מען ליבט זיך מיט יידן, מען ליבט זיך מיט גוים. מען ליבט זיך מיט ציוויל־לייט, מען ליבט זיך מיט פּאָ־רוטשיקעס. און מען זיפצט און מען קרעכצט, און מען וויינט און מען חלשט און מען סמט זיך. נאָר סמען זיך קען מען נישט באַלד. אַ שאָד אומצוברענגען אַ מענטשן אַזוי שנעל. פאָרט מען פריער קיין אויסלאַנד, נאָכדעם קומט מען צוריק. שפּעטער פאָרט מען נאָך אַמאָל, כדי אַז ווען מען וועט ווידער קומען צוריק, זאָל מען נישט טרעפן דעם אַדרעס צו זיך אין שטוב. מילא פאַרפאַלן, וואָס זאָל מען טאָן? מען איז שוין געפאָרן אַזוי פיל, וועט מען שוין פאָרן נאָך אַביסל. נעמט מען אַ דראָזשקע און מען לאָזט זיך פירן איבער די גאַסן. סוף כל סוף געפינט מען דעם נומער פון טויער (פאָרט אַ וואַרשעווערין). איז אָבער אַ ניי אומגליק. קוים מיט צרות געטראָפן, ערשט זי קומט אַריין, קען די אייגענע מאַמע זי נישט דערקענען. שטייען זיי אַזוי איינע קעגן דער צווייטער, ווי צוויי הענער להבדיל און קוקן און קוקן. נאָר ווי לאַנג איז דער שיעור אַזוי צו קוקן? איז זיך מיישב אַ שוועסטער: דו שטיי לעבן דער מאַמען און איך וועל מיר דערווייל שרייבן אַ בריוול צו דיין מאַן. איז אָבער די ערשטע אויך נישט קיין לעמעשקע, זאָגט זי: צו וואָס טויג מיר בריוולעך, אַז איך קען מיט דיין מאַן אינגאַנצן

חתונה האָבן. — הכלל עס טוט זיך מעשים. איך בין געוואָרן אַזוי אויפגערעגט, אַז איך האָב נישט געקענט איינשלאָפן.

האָב איך געפונען אַ מיטל זיך צו צעשטרייען. איבער מיין בעט הענגט אַ קאַלענדאַר. פאַלט מיר איין צו לייענען די וויצן. אויפן שטול לעבן מיין בעט שטייט אַ ליכט. אבער דער שיין איז צו שוואַך, איך זאָל דערזען די דראָבנע ווערטערלעך אויף דער אַנדערער זייט. לייען איך די גרויסע ציפערן אויף דער ערשטער זייט.

איין בלעטל: 1927. אַ שיינער וויץ — טראַכט איך. אַ צווייט בלעטל: 1927 — גאָר אַ פיינער וויץ. אַ דריט בלעטל: 1927 — אַן אויסגעצייכנטער וויץ. און לאַכנדיק האָב איך זיך באַרואיקט, זיך איבערגעדרייט אויף דער אַנדערער זייט און — — — —

„לויטער ביינער. אַן אַ ברעקל פלייש. אַן אַ פיצעלע הויט אויף זיך... איר זעט ווי איך קוק אויס? אָט דאָס איז דער סוף פון אַ ידישן שרייבער."

איך הייב אויף דעם קאָפּ צו זען ווער עס רעדט. „איר, אַ ידישער שרייבער?" — פרעג איך — „כ'האָב, דאַכט זיך, קיינמאָל נישט גע־הערט."

„ווי? — זאָגט ער — קיינמאָל נישט געהערט פון שייקעוויטשן?"

— אַ... דאָס זענט איר...

— אַמאָל אַ מפורסם געווען. אַ סך געלט פאַרדינט. כבוד אויך. מיינע ביכלעך האָט מען געכאַפּט פון אונטער די הענט. און היינט... עך...

איך האָב געקוקט אויף זיין סקעלעטישער נידערגעשלאָגנקייט. איך האָב געהאַט אויף אים שטאַרק רחמנות. און האָב אים געוואָלט ברענגען מיט איין מאָל אַ גרויסע נחמה, און טאַקי אַן אמת'ע נחמה. איך האָב אָבער פריער געוואָלט אויסנוצן די געלעגנהייט און געוואויר ווערן וועגן עפּעס, וואָס מיך מאַטערט שוין פון לאַנג.

— דערלויבט מיר, געערטער שריפטשטעלער, איך צו שטעלן אַ קליינע פראַגע: ווי איז דאָס געקומען, וואָס איר האָט דענסטמאָל פאַרלוירן דעם פּראָצעס?

— איך וועל אייך וועגן דעם גאָרנישט זאָגן. איך קאָן אייך נאָך צו ווינציק, יונגערמאַן, איך זאָל אייך אַנפאַרטרויען איינע פון די וויכטיקסטע געשעענישן אין דער יידישער ליטעראַטור.

— אויב איר קענט מיר נישט איבערגעבן קיין פּרטים, טאָ זאָגט מיר וועגן דעם כאָטש עפּעס בדרך כלל.

— בכלל קען איך אייך זאָגן, אַז מיינע קעגנער זיינען געווען לא יוצלחס, פאַרקנייטשטע ברואים, באַנק־קוועטשערס, וואָס טראָגן זיך אַרום גאַנצע יאָרן מיט איין שורה. דרייען זי, שלייפן זי, מייסטרעווען און מיינען באמת, אַז זיי כאַפּן גאָט פאַר דער פּאָלע. איך בין געווען דער איינציקער, וואָס האָב געגעבן גייסטיקע שפּייז צו דער זאַט... אָבער וואָס איז פון דעם אַלעם געוואָרן? פאַרוואָרפן, פאַרשטויסן.

— די האָפנונג טאָר מען קיינמאָל נישט פאַרלירן. — פּרואוו איך אַריינוואָרפן.

— אַוודאי. אָבער ס'וועט נאָך לאַנג געדויערן. סוף כל סוף וועט מען זיך אַרומקוקן, ווער ס'איז געווען גערעכט. דער אמת וועט אַרויפשווימען ווי בוימל אויפן וואַסער. אָבער דערוויילע...

איך האָב שוין לענגער נישט געקענט. די ישועה פאַר דעם באַעוולהטן האָט מיך געשטיקט אין האַלדז. איך האָב עס געמוזט אַרויסזאָגן. האָב איך אַ כאַפּ געטאָן פאַר אַ שטיקל קנאַכן, וואָס איז אים איבערגעבליבן פון אַ האַנט.

— פּאַניע שמ״ר, — זאָג איך — די צייט איז שוין געקומען.

— וואָס רעדט איר? איר ווייסט, וואָס איר רעדט?

— אָט דאָס, וואָס איר הערט. די וועלט איז מיט אייך פול. אויף אַלע גאַסן רעדט מען פון אייך. קיין שום פאַמיליע באַגייט זיך נישט אָן אייך. ביי יעדן טיש דערמאָנט מען אייך. און אין זאַקסישן גאָרטן, און אין קראַשינסקיס גאָרטן פון וואָס שמועסט מען, אַז נישט פון אייך?

— די יידישע ליטעראַטן האָבן מיך מחרים געווען, מיך אַרויסגעטריבן. — ענטפערט שייקעוויטש קורץ און לאָזט אַראָפּ דעם קאָפּ.

— איר האָט אַ סך נאָכפאָלגער. איר האָט אַן אייגענע שולע אין דער יידישער ליטעראַטור, באַרימט מיטן נאָמען: „שמריזם״. אייער

שולע איז די אָנגעזעענסטע, די שטאַרקסטע. ווערט פון אַלע אונטער־שטיצט.

— דאָס איז אומגלויבלעך. קעגן מיר איז די גאַנצע עפנטלעכע מיינונג. די פרעסע. וואָס לאַכט איר?

— אַ שאָד, זאָג איך, — אַ גרויסער שאָד, וואָס מענטשן שטאַרבן אײדער זיי זיינען זוכה צו זען די פּירות פון זייער מי.

— וואָס מיינט איר דערמיט? איך האָב ליב, אַז מען רעדט מיטן פולן מויל. איך האָב שטענדיק פיינט געהאַט רמזים, רעדט, איך זאָל אייך פאַרשטיין.

—צי ווייסט איר, רבי שמ״ר, אַז אייער בילד וועט אינגיכן הענגען אין אַלע יידישע רעדאַקציעס? צי ווייסט איר, אַז אַלע צייטונגען קלייבן זיך אַרויסצולאָזן אַ געמיינזאַמען אויפרוף צום פאָלק ישראל, מען זאָל זאַמלען געלט אויפצושטעלן פאַר אייך אַ דענקמאָל אינמיטן מוראַנאָווער פּלאַץ? צי ווייסט איר...

ער רייסט מיר איבער די רייד און שרייט אומגעדולדיק:

— אַ ליגן! אַ ליגן! דער רוצח, וואָס האָט זיך אָנגעזעצט אויף מייך לעבן, מיין בלוטיקסטער שונא, שלום־עליכם, ער איז דאָרטן ביי אייך אַ גאַנצער אָפּגאָט.

— שטותים! — ענטפער איך — אין אים דערמאָנט מען זיך בלויז אַמאָל צום יאָרצייט. אַ מערכה ער האָט איבערגעלאָזט קינדער, האָבן זיי אַרויסגעלאָזט אַ שלום־עליכם־בוך. אָבער ווייטער? ווער רייסט זיך צו אים? ווער בענקט נאָך אים? ווער דאַרף אים? — אָבער איר!

— אָבער איך...

— אַז אַ נייע צייטונג דאַרף דערשיינען — וועמען זוכט מען קודם־כל? פריער פון אַלץ פאַרשטענדיקט מען זיך מיט אייערע תלמידים מכח אַ ראָמאַן. אַז דאָס איז דאָ — איז אַלץ דאָ. איר זענט דער יסוד.

און מיט גרויס פּאַטאָס האָב איך דעקלאַמירט: „אַ, דערפאָלג — דיין נאָמען איז: שמ״ר!“

— איז דאָס אמת? האָב איך טאַקע אָנהענגער? — האָט ער ווידער געפרעגט, אָבער שוין אַ סך ווייכער.

— איר גלויבט מיר נאָך אַלץ נישט? אויב איר ווילט, קען איך אייך אַפילו עפּעס פּאַרלייענען פון זייערע שאַפונגען.

— אדרבה. אדרבה. איך בין זייער געשפּאַנט.

כ׳האָב פּונקט געהאַט ביי מיר אין טאַש דעם נומער 69 פון אַ וואַרשעווער צייטונג. כ׳האָב רעציטירט: „כ׳האָב גאָר קיין צייט נישט. טייערע, דו ווייסט דאָך, כ׳בין פאַרשולדיקט. כ׳מוז זען אָפּצאָלן די חובות... און דאַמאָלט, טייערע מיינע, וועלן מיר גיין און חתונה האָבן אויף אַן אמת, אַזוי ווי גאָט האָט געבאָטן".

— מסתמא אַ באַטריגער, — האָט אונטערגעכאַפּט דער אַלטער, — לייענט נאָך ווייטער.

„...זי איז געזעסן איינע אַליין אויף דעם געלעגער און ביטער געוויינט, און געריסן פון זיך שטיקער און דערמאָנט זיך אָן דער היים".

— דאָס רירט. אָבער זעט נאָר זעט, אַקוראַט ווי ביי מיר. לייענט, לייענט.

„דו נאַרסט מיך, דו זאָגסט ליגן. דו האָסט עפּעס פאַרטראַכט פון מיר פּטור צו ווערן. אָבער געדענק, דו פריץ, דו ווייסט נאָך נישט, ווער איך בין. דו ווייסט נאָך נישט, וואָס איך קען אָפּטאָן".

— דאָס איז זייער וואויל, — האָט דער אַלטער באַמערקט, — נאָר אין לעצטן זאַץ איז פאַראַן איין וואָרט, וואָס מען וואָלט געדאַרפט אויסבעסערן.

— דהיינו?

— דאָרטן שטייט: „געדענק, דו פריץ". עס וואָלט בעסער געווען: „מאַרקיז". — נאָר מאַכט נישט אויס, — האָט ער באַלד צוגעגעבן, — דער דרך איז אַ גוטער, דער טאָן געפעלט מיר.

— נו, — האָב איך טריאומפירט, — וואָס זאָגט איר איצטער? זייט מודה, הער שייקעוויטש, אַז ענדלעך האָט מען זיך אָרומגעזען. און די גערעכטיקייט האָט געזיגט.

— געזיגט...

— יאָ, מיסטער, איר זענט רעהאַביליטירט.

נאָר דאָ איז עפּעס געשען. מיין אינטערלאָקוטאָר איז פּלוצלינג געבליבן שטיין פאַרגליווערט. די אויגנלעכער האָבן געקוקט ערגעץ שטאַר און באַוועגונגסלאָז. איך האָב געוואַרט. נאָך עטלעכע מינוט — האָט ער זיך איבערגעבויגן צו מיר:

— איר ווייסט? איך האָב פאַר עפּעס מורא...

איך האָב גאָרנישט פאַרשטאַנען.

— שלאָגט מיר נישט איבער די רייד. הערט אויס ביזן סוף, וועט איר שוין פאַרשטיין. איך וויל אייך איבערגעבן אַ גרויסן סוד. די היסטאָריקער האָבן אַ טעות. שלום־עליכמס קאָמפּאַניע האָט מיר וואָס אַן אמת, קיין טובה נישט געטאָן. אָבער דאָס איז קלייניקייטן. מיין פּראָצעס איז געווען אַ געוואונענער. די לעזערין איז געווען מיינע. איר פאַרשטייט?... אין איר ווענדט זיך אַלץ. נעמט זיך עס אַריין אין זכרון! אויב עמיצער האָט מיר אויף אַ רעכטן אמת געטאָן אַ שאָדן, איז עס אַן אַנדערער. איר ווייסט דאָך. איך בין שוין לאַנג אַ שוכן עפר. אַ סך זאַכן פאַרגעסן. איין זאַך שטעקט מיר נאָך עד־היום אין געדעכעניש. אַ סקיצע פון אַ ידישן קלאַסיקער. איך קען אייך נישט איבערגעבן גענוי דעם טעקסט. נאָר דער סוזשעט איז מער־וויניק אַזעלכער:

פרייטיק צונאַכטס נאָכן עסן. אַ גאַנצע וואָך איז דער טאַטע אַרומגעלאָפן איבער די דערפער, אויפגעקויפט, דאַכט זיך, פעל, חזיר־האָר. די מאַמע האָט זיך אַרומגעשלעפּט איבער די הויפן און געקליבן שמאַטעס. ביידע פאַרדינען. אָבער דער דלות איז שטאַרקער פון זיי ביידן. היינט לכבוד שבת האָט דער טאַטע אַפילו קיין פריש העמד נישט באַקומען. געמאַכט המוציא איבער אַ דאַר שטיקל ברויט. קוים דערלעבט אָפּצובענטשן, איז ער אַנידערגעפאַלן ווי אַ געהרגעטער אין איין ווינקל. די מאַמע — אין דעם צווייטן ווינקל. די קינדער שלאָפן שוין אויך. נאָר איינע איז נאָך אויף. די עלטסטע טאָכטער. די האָר צעפּלאָשעט. די ברוסט כוואַליעט זיך. הייבט זיך און פאַלט. זי צאַפּלט אינגאַנצן. די אויגן ברענען פאַר אומגעדולד. די שליפן

אירע קלאַפּן. זי איז אין אַנגסטן. אין איין שרעק, זי ציטערט, טאָמער גייט אויס דאָס חלבן ליכטל, און זי וועט נישט קענען דערליייענען דעם ראָמאַן ביזן סוף.

— ווער האָט דאָס געשריבן ? — פרעג איך.

— פּרץ.

— נו ?

— נו, אָט דאָ האָט זיך אָנגעהויבן מיין מפּלה. איר פאַרשטייט ? מען האָט געאַרבעט אויף אַלע כּלים איינער מיט געשרייען און גע־וואַלדן, אַ צווייטער — שטילערהייט. אָבער מיט קלוגער. גאָר קלוי־גער סטראַטעגיע. די לעזערין האָט זיך דערזען אינגאַנצן, האָט זיך דערקענט. מען האָט גענומען מיין לעזערין און אַוועקגעשטעלט פאַר איר אַ שפּיגל, ווי אַזוי זי זיצט ביי מיין בוך. און פאַר אַ שיינעם שפּיגל וועט איך אַ פּרוי אַוועקגעבן דעם זיידן מיט דער באַבן מיט צוואַנציק שמ״רס אינאיינעם. האָט זי זיך אָפּגעוואוינט פון קוקן אויסער זיך, אויף דאָס, וואָס איז ווייט פון זיך, און האָט רק געזען איר אָרעם שטיבל, איר אַלטן טאַטן, איר קראַנקע מאַמע. ביסלעכווייז האָט זי פאַרגעסן די גראַפן און פירשטן, די טורעמס און שלעסער און די אַלע שיינע זאַכן. אָט די מענטשן נעבעך ! ווי ווייניק שוואונג לעבט אין זיי, ווי ווייניק רייך האָבן פאַר זיי פאַנטאַסטישקייטן. מיט אַ ליאַדע־וואָס קען מען עס אין זיי צעשטערן. אָט די אָרעמע, אָט די חלבן־ליכטל־לעזערס, ווי שווערפעליק זיינען זיי, ווי ערנסט זיינען זיי, דער געפעדערלעכסטער טיפּ לעזער זיינען זיי. פון זיי איז געקומען מיין סוף. צוליב זיי האָב איך מורא פאַר מיינע תּלמידים.

— נישקשה, — פּרואוו איך טרייסטן, — אַנדערע צייטן הייננט. די פּרויען פון אָטוואָצק... פון קרינ־צע... פון צאָפּאָט... פון זאַקאָפּאַ־נע... פון וואַרשע, פון וואַרשע... די ערגסטע טעג זיינען לאַנג שוין אַוועק...

— עך, — ווערט שוין שמ״ר ווידער נערוועז און אומגעדולדיק, — רעדט נישט, רעדט נישט. די אָרעמע שטיבלעך, די אַלטע טאַטעס, די קראַנקע מאַמעס, די דאַרע־סקאַרינקע־עסערס, די קליינע לעמפּלעך־

לעזערינס. נאָך לאַנג וועלן זיי זיין, נאָך גאָר לאַנג. און גרויס איז די סכנה פאַר מיין שולע, פאַר דעם עכטן שמ״ריזם. זייט זיכער, אַז מיינע קעגנער פּלאַנעוועז שוין ווידער עפּעס אַ סטראַטעגיש שטיקל אַרבעט. און, הלוואי זאָל איך ליגן זאָגן, ווער ווייס, וואָס פאַר אַ מיאוסן סוף מיינע נאָכפאָלגער וועלן נאָך האָבן.

— יאָ, — גיב איך צו, — מען קען גאָרנישט וויסן. נאָר צו וואָס קלערן, וואָס עס וועט זיין. דערוויל — ברוך ד׳ יום יום. — — — — —

— — — — — — — — — — — — —

— מיט וועמען האָט איר זיך עס דאָרטן מפלפל געווען? — איך עפן אויף די אויגן. מיין באַלעבאָס שטייט לעבן מיין בעט. ער וויל דווקא וויסן, מיט וועמען כ׳האָב געשמועסט אין שלאָף און דערוויל הערט ער נישט, ווי זיין ווייב שרייט פון צווייטן צימער: „זרח! זרח! ביסט טויב געוואָרן? ווי לאַנג איך שריי שוין, זאָלסט הייסן דער דינסט מיר אַריינדערלאַנגען אַ גלאָז טיי.

— „כ׳האָב דאָך שוין געהייסן״. — אין אַ ווײַלע אָרום: „זרח!״

— וואָס איז שוין ווידער?

— פאַרוואָס הייסטו נישט דער דינסט זי זאָל מיר אַריינדערלאַנגען די צייטונג?״

ווערט ער שוין בייז: „נישטאָ גאָרנישט אין דער צייטונג, קיין שום נייעס נישט״.

— האָסט שוין אַלץ איבערגעלייענט. — טאָ וואָס איז מיט אַדעלאַן?

— מיט וועלכער אַדעלאַן ווידער?

שרייט עס אַריין פון דער אַנדערער שטוב: „גראָבער פליגל! דיך גייט עפּעס אָן? אַ מענטש האָלט זיך שוין דריי טעג ביים סמען, פרעגט ער איצט־אָ וועלכע אַדעלאַ? גולם!״